ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
◇ קרית יואל ◇
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
◇ ר"ז ◇
מקץ תשע"ב לפ"ק
כיתה ח' ט'

תתתתשסג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' נח גפן שליט"א שו"ב דקהלתינו הק'

### חנוכה לעכט אין סיביר

נאך די מלחמה איז מיין פאטער הרה"ח ר' יושע געפאנגען געווארן קיין סיביר וואו ער איז געווען איבער א יאר, ווי ער פלעגט זיך אויסדרוקן "ווען דער רבי איז שוין געטאנצן הקפות אין אמעריקע, און איך בין נאך געווען אינעם פינסטערן סיביר"...

ווען עס איז געקומען חנוכה, אידן איבער די גאנצע וועלט גרייטן זיך צו צינדן די הייליגע לעכטלעך, אבער ער איז נאך געווען בעמק הבכה, און עס איז נישטא קיין מנורה און נישט קיין ליכט. עס איז איבעריג צו שילדערן זיין ווייטאג און צער.

ערב חנוכה איז אים איינגעפאלן א פלאן, ער האט גענומען א קארטאפל און געמאכט א לאך דערין, ער האט געהאט אביסל מארגארין וואס מ'האט דארט געטיילט יעדן טאג, און פון זיין רעקל האט ער ארויסגעריסן אביסל פאדעם, און אזוי האט ער געצינדן דאס לעכטל מיט גרויס כוונה און הייסע טרערן. (קיין ברכה האט ער נישט געקענט מאכן ווייל ער האט נישט געהאט קיין שיעור אויל) (יואל יושע גפן, אליעזר גפן, אלטר ברוך גפן, יואל יושע פעלבערבוים, משה קטינא, משה גפן, יהושע גפן, אברהם הערש גפן)

תתתתשסד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יחזקאל שרגא פריעדמאן שליט"א

### פטור געווארן פון די מייז

די באבע מרת פיגא ע"ה די פרוי פונעם זיידן הרה"ח ר' אברהם שלום ירוחם פריעדמאן ע"ה, האט געהאט א געשעפט וואו עס איז געווען אסאך מייז, איז זי געגאנגען צו הרה"ק מנאסאד זצוק"ל, און מזכיר געווען אז זי ליידט שטארק פון די מייז וואס מאכן גרויסע שאדנס אין געשעפט.

האט דער נאסאדער רב געזאגט אז מ'זאל זאגן "אברהם יהושע בן חנה מלכה האט געהייסן אז זיי זאלן ארויסגיין", ווי נאר זי האט אזוי געטון, האט מען געזעהן ווי עס גייט ארויס א שורה פון מייז, און מער האט מען דארט נישט געזעהן קיין מייז.

(יואל נתן פריעדמאן, משה ארי' פריעדמאן, יושע פריעדמאן, יושע לאנדא, יעקב משה פריעדמאן).

תתתתשסה) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א

### דער גרעסטער דאקטער

ווען איך האב געלערנט אין די ישיבה אין די ערשטע כ' יארן האט געלערנט מיט אונז א בחור, א חשוב'ער בחור א ירא שמים, וואס זיין טאטע איז ל"ע זייער נישט געזונט געווען און ער איז געלעגן אין שפיטאל, און דער בחור פלעגט כסדר פארן צו זיין טאטן אין שפיטאל אים ארויס העלפן און באדינען מיט אלעס וואס האט זיך אויסגעפעלט.

האט מיר דער בחור דערציילט אז איינמאל איז דער מצב געווען זייער שווער, און ער איז געווען ביים טאטן א גאנצע נאכט, און דער דאקטער האט אויך געזאגט זייער נישט גוטע גריסן איבער דעם מצב. אינדערפרי ווען ער איז אהיימגעקומען פון שפיטאל האט ער געוואלט אריינגיין צום רבי'ן מרן בעל **דברי יואל** זי"ע מזכיר זיין דעם טאטן.

דער בחור האט געטראכט צו זיך אז איידער ער גייט אריין צום רבי'ן מזכיר זיין, וועט ער זאגן עטליכע קאפיטלעך תהלים. ער איז אריין אין ביהמ"ד אין 'בית שני', און ער האט זיך אוועק געזעצט אין א ווינקל מיטן תהילימ'ל און ער האט זיך אויסגעגאסן זיין צובראכן הארץ מיטן תהלימ'ל.

ווען ער האט געענדיגט זאגן תהלים און ער איז ארויסגעגאנגען פון ביהמ"ד האט ער באגעגענט זיין פעטער, זיין טאטנס ברודער, און דער פעטער פרעגט אים "וואס איז דער מצב? וואס זאגט דער דאקטער?". דער בחור זייענדיג אזוי צובראכן האט געענטפערט "וואס איז א חילוק וואס דער דאקטער זאגט, דער אמת'ער דאקטער איז דער באשעפער".

ווי נאר ער איז געגאנגען ווייטער כאפט ער זיך אז ער האט נישט שיין געענטפערט פארן פעטער, דא קומט דער פעטער זיך פאראינטערעסירן אויפן מצב, און ער ענטפערט ווי א פרומער אז דער אייבערשטער איז דער דאקטער. ער איז צוריק געלאפן אין ביהמ"ד און געזוכט דעם פעטער ווילנדיג אים איבער געבן א געהעריגן באריכט, אבער ער האט שוין נישט געטראפן דעם פעטער אין ביהמ"ד, און דאס האט אים נאך מער צובראכן.

ער איז אריבער צום רבי'ן אין שטוב, און ער האט זיך אויסגעגאסן זיין פארביטערט הארץ, און געזאגט אז דער דאקטער זאגט זייער נישט גוט, האט זיך דער רבי אנגערופן בלשו"ק "דו ווייסט דאך אז דער אמת'ער דאקטער איז דער באשעפער... דער אייבערשטער וועט העלפן ער וועט האבן א רפואה שלימה".

דער בחור איז געבליבן שטיין פארגאפט, ער האט קלאר געזעהן ווי דער רבי ליינט זיינע מחשבות, און ווייסט אלעס וואס איז פארגעקומען.

למעשה איז ב"ה געווארן א פארבעסערונג אינעם מצב און א קורצע צייט דערויף איז דער טאטע ב"ה אהיימגעקומען געזונטערהייט. (חיים יוסף יצחק הכהן פריעדמאן)

תתתתשסו) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ח ר' חיים אלתר בראך הי"ו

### ווי אזוי שרייט מען אויס א מחאה?!

איך האב חתונה געהאט ניסן תשכ"א לפ"ק. במשך די אלע יארן וואס איך בין געווען דאהי אין אמעריקע בעפאר בין איך געווען א תלמיד אין רבי'נס ישיבה, איך האב זוכה געווען משמש צו זיין דעם רבי'ן עטליכע יאר, און זיך אסאך געפונען בצל קורתו.

די ערשטע מאל נאך די חתונה בין איך אריין צום רבי'ן מיט א קוויטל, דער רבי האט מיך לאנג אויפגעהאלטן און מיך אויסגעפרעגט אלע פרטים איבער אונזער שטוב, מיין מאמע ע"ה איז דאך שוין געווען אן אלמנה זינט די קריג, ווען מיין פאטער הגה"צ רבי יחזקאל שרגא זצ"ל הי"ד איז דארט אוועק על קיה"ש, דער רבי האט געוואלט וויסן דעם גאנצן מצב פון די געשוויסטער וכדומה.

אינמיטן קומט אריין דער משב"ק הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל און ער זאגט פארן רבי'ן אז עס איז דא אן עולם וואס ווארט אינדערויסן. זאגט דער רבי "זאלן זיי ווארטן"...

זאגט ר' יוסף אז ר' שבתי מרדכי בערקאוויטש ע"ה דער מנהל פון התאחדות הרבנים איז דא וועגן דעם כינוס. (יענעם אסרו חג שבועות איז אפגעהאלטן געווארן דער ערשטער כינוס כללי פון "התאחדות הרבנים") זאגט דער רבי "זאל ער אריינקומען"...

און דער רבי זאגט מיר "דו בלייב דא, כ'וויל נאך ממשיך זיין" בין איך דארט געבליבן שטיין ווען רבי שבתי מרדכי איז אריינגעקומען, און איך הער ווי ער זאגט פארן רבי'ן אז מ'האט גערופן דעם כינוס כללי אויף אסרו חג שבועות, דערווייל האט עס נאכנישט קיין הענט און קיין פוס, מ'האט נאך גארנישט געהעריג מסדר געווען, ער ווייסט נישט וואס צו זאגן פאר די רבנים ווען ער וועט לאדנט זיי, וואס איז דער ציהל פון די אסיפה.

זאגט אים דער רבי "קוק אהער, פארוואס האב איך גערופן די אסיפה?! ס'האט זיך געגרינדעט די מלכות המינות אין ארצינו הקדושה, דער עונש וואס חכמינו ז"ל זאגן איז דאך שרעקליך, געפערליך, אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה, וואס קענען מיר דען טוהן דערצו?! מיר מוזן דאך עפעס טוהן! מיר קענען נאר מוחה זיין! איך זאג יעדע וואך ביי שלש-סעודות וואס איך האב צו זאגן אבער וויפיל מענטשן זענען שוין דארט, פופציג מענטשן, זעכציג מענטשן?! האב איך געקלערט

אז מ'זאל איינמאל מאכן א גרויסע אסיפה וואו יעדער זאל קומען" - און דער רבי רעכנט אויס - "אפילו הסתדרות הרבנים, און מזרחי, יעדער וואס וויל זאל קומען הערן, און דארט וויל איך איינמאל פאר אלעמאל אויסשרייען דעם אמת'ן דעת תורה".

"אבער - האט דער רבי צוגעגעבן - כדי מענטשן זאל קומען צום כינוס זאל מען מכבד זיין נאך רבנים צו רעדן, יעדער זאל זאגן וואס ער האט צו זאגן, סיי וואס, און איך וועל אויך רעדן פון אנדערע זאכן, אבער בעיקר וועל איך דארט קענען זאגן וואס איך וויל זאגן איבער די מדינה, דארט וויל איך אויסשרייען א מחאה".

האט רבי שבתי מרדכי געזאגט "למשל, איך וויל רופן דעם ... רב, וואס קען איך אים זאגן, וואס זאל ער רעדן?", האט דער רבי געזאגט "ער זאל רעדן אז עס קומט יעצט זומער, עס זענען דא מענטשן וואס פארן ארויס אויף האטעלן, זאל ער זאגן אז א האטעל וואס האט א געמישטע סווי'מונג פול איז נישט נאמן אויף כשרות אויך נישט.

נאכדעם האט דער רבי ווייטער ממשיך געווען דעם שמועס מיט מיר. (ישראל מאיר בראך)

תתתתשסז) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

## א וויכוח מיט רבי יעקב קאמינעצקי

איך האב געהערט פון א זון פון הגה"צ מנאנאש זצ"ל אז נאכדעם וואס עס איז ארויסגעקומען דער ספה"ק "ויואל משה" איז הגאון **רבי יעקב קאמינעצקי** ז"ל געווען ביים רבי'ן **מרן הדברי יואל** זי"ע, און זיין שוואגער הרה"ח ר' חיים משה שטויבער הי"ו איז דערביי געשטאנען.

דער רבי האט אים געפרעגט צי ער האט געזעהן דעם ספר, און צי ער האט מעיין געווען אין דעם ענין ווי אזוי ער איז מברר דעם איסור הליכה לבחירות. האט רבי יעקב געזאגט אז ער האט עס געזעהן און ער האט גארנישט אפצופרעגן דערויף. פרעגט אים דער רבי אויב אזוי היתכן איר האט זיך צוגעשטעלט צו די וואס הייסן גיין צו די בחירות? האט ער געענטפערט אז ער האט נישט געהייסן גיין צו בחירות, ער האט נאר געזאגט אז די וואס גייען סייווי זאלן וועלן פאר די רשימה פון ערליכע אידן.

האט אים דער רבי געפרעגט "אויב אזוי וואלט איר געדארפט שרייבן אז דאס איז באמת אסור, נאר ווער עס איז עובר אויפן איסור זאל וועלן פאר די רשימה, ווייל א פשוט'ער מענטש פארשטייט מיט דעם אז איר זענט מתיר די בחירות, און איך אליין האב דאך אויך אזוי געמיינט?"...

האט רבי יעקב געזאגט "עס איז דאך דא דער בעלזער רב ז"ל וואס האט געהייסן גיין". זאגט אים דער רבי "הא, איר זענט גאר א בעלזער חסיד?!"... (רבי יעקב איז געווען א ליטווישער ראש ישיבה).

פרעגט ער דעם רבי'ן "דער רבי מאכט דאך א גאנצן עסק פון די שלש שבועות, ווי קען מען ארויסלערנען הלכות פון אגדתא גמרות?".

זאגט אים דער רבי "איך שעם זיך מיט אזא קשיא, איר ווייסט אז תחיית המתים איז אויך נאר אגדתא גמרא, און איינער וואס גלייבט נישט אין תחיית המתים איז כופר אין די י"ג עקרי האמונה?!". (שמעי' ברוך גאלד, ירמי' מאיר גאלד)

תתתתשסח) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק

## תורה מן השמים

ביים זאגן תורה ביי רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע האט מען געזעהן פארשידענע ענינים גבוהים ורמים, איז כדאי צו דערציילן א דבר פלא וואס מיר האבן זוכה געווען צו זעהן, איינמאל פרייטאג צונאכטס פרשת בהר שנת תשכ"ז ביים טיש.

דער רבי האט נאך כל מקדש און מנוחה ושמחה כדרכו בקודש זיך שטארק פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות, און ער האט אנגעהויבן צו זאגן תורה "ויאמר ה' אל משה אמור אל הכהנים בני אהרן וגו'".

אויבנאן ביי די רעכטע זייט פונעם רבי'ן איז געזעסן הגה"צ **רבי יושע כ"ץ זצ"ל דער סאמבאטעליער רב**, און ער האט זיך אנגערופן שטילערהייט צו הרב החסיד בנש"ק ר' חנה טייטלבוים ז"ל וואס האט געהאט זיין קביעות צו זיצן דארט יעדע וואך, אז די וואך גייט פר' בהר, און ר' חנה האט שטילערהייט צוריק געענטפערט אז ער וואונדערט זיך אויך פארוואס דער רבי האט אנגעהויבן פר' אמור.

דער רבי האט באמערקט אז זיי שושקענען זיך עפעס, איז ער שטיל געווארן און ער האט געקוקט אויף זיי, האט זיך איינער פון זיי אנגערופן מיט יראת הכבוד אז "עס גייט יעצט פר' בהר".

דער רבי האט געגעבן א שאקל מיטן קאפ ווי איינער באשטעטיגט וואס ער האט געהערט, ער האט ארויפגעלייגט אויפן שטערן כדרכו בקודש, און ער האט גלייך אנגעהויבן צו זאגן "וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמר" מיט א מדרש און עטליכע דיוקים, און אביסל געטראכט כדרכו בקודש, און גלייך האט ער ממשיך געווען די דברי תורה מיט ביאורים און חידושים כדרכו בקודש.

האט מען געזעהן בחוש ווי דער רבי זאגט די הייליגע דברי תורה וואס ער איז מחדש תוך כדי אמירתן לגבוה. (יצחק אייזיק הכהן פריעדמאן, יואל הכהן פריעדמאן)

תתתתשע) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א

## סייעתא דשמיא פאר בעלי תשובה

ווען מיר האבן געוואוינט אין בונאס איירעס פלעגט דארט זיין דער סדר אז ווען עס פלעגט קומען צו פארן א רבי, א בנש"ק אין די שטאט, האט מען געמאכט א גאנצע עסק, אזוי פלעגן די דארטיגע אידן גיין צו איהם, און עס האט אויפגעטון אויף זיי.

אין יענע תקופה האבן מיר עוסק געווען מיט בעלי תשובה, מיר פלעגן מקרב זיין שוואכע נשמות און זיי אנווארעמען צו שמירת התורה לויט די אנווייזונגען פון מיין שווער הגה"צ רבי קלונימוס אליעזר עקשטיין זצ"ל דער רב הקהילה.

איינמאל איז געקומען צו פארן דער סטראפקוב'ער רבי זצ"ל פון ירושלים עיה"ק, און ער האט אויפגענומען דעם עולם ביי אונז אין ביהמ"ד קהל חרדים. ווען ער האט געהאלטן אינמיטן געזעגענען דעם עולם בין איך ארויס אין ווייבער-שוהל, האב איך דארט געזעהן ווי איינער פון די בעלי תשובה שטייט דארט זייער נערוועז און ער קלאפט זיך דעם קאפ אין וואנט, ווען זיינע ציין קלאפן פאר שרעק. איך האב זיך זייער דערשראקן און איך פרעג אים וואס גייט פאר.

ענדליך האט ער געקענט ארויסזאגן פון מויל אז ער ציטערט פאר שרעק, ווייל ער האט מורא פון דעם אלטן איד וואס שטייט אונטערן סטראפקובער רבי'ן...

איך בין אריין אין ביהמ"ד און איך האב דערציילט פארן סטראפקוב'ער רבי'ן אז איינער ציטערט פון דעם מענטש וואס שטייט אונטערן רבי'ן. האט ער געבעטן אז מ'זאל אים קודם לאזן ענדיגן געזעגענען דעם עולם. דערנאך האט מען גענומען דעם איד און געבעטן אז דער איד זאל אויסמאלן די צורה פון דעם איד וואס ער זעהט אונטערן רבי'ן. ווען מ'האט אים געוויזן א בילד פונעם סטראפקוב'ער רבי'נס טאטע האט דער איד געשריגן "יא, דאס איז עס".

מ'האט געזעהן קלאר ווי פון הימל העלפט מען צו אז די בעלי תשובה זאלן זיך מחזק זיין און גלייבן אז יש מנהיג לבירה. (יעקב קארנבלי).

תתתתשעא) עס דערציילט אונזער עלטער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' בערל גרינפעלד הי"ו

## סאטמארע געזעצן...

אין די אמעריקאנער גאס האט מען אנגענומען יעדע זאך וואס האט מיט אידישקייט ווי כאילו דאס איז א 'סאטמארע' זאך.

איך פלעג פארן יעדן טאג פון בארא פארק קיין מאנהעטן מיטן סאטמארן 'ביקור חולים' באס, איין טאג איז ארויפגעקומען אויפן באס א מאדערנע פרוי, און זי האט זיך אוועק געזעצט ביי די זייט ווי די מענער זענען געזעסן אויפן ערשטן העלפט פון די באס.

דער דרייווער איז געווען א רוסישער אומוואוסענדער מענטש, זאגט ער פאר די פרוי אז דא זיצן מענער, און פרויען דארפן גיין ביים צווייטן העלפט באס, האט די פרוי אנגעהויבן צו טענה'ען אז זי וויל דא זיצן און מ'זאל איר נישט איינטיילן וואס צו טון. און עס איז געווארן א וויכוח צווישן די פרוי מיטן דרייווער, אינמיטן האט דער דרייווער געזאגט "דאס איז א סאטמארע געזעץ!" און אויף דעם באס דארף מען זיך פירן לויט די סאטמארע געזעצן.

א צייט שפעטער איז מיין מאן הי"ו אריין צום רבי'ן **מרן הברך משה** זי"ע און אים דערציילט די מעשה ווי דער רוסישער דרייווער פארשטייט אז דאס איז א סאטמארע געזעץ. דער רבי האט זיך שטארק צושמייכלט, וואס ווי באקאנט איז דאס געווען א געווענליכע זאך אין די פריערדיגע יארן אז יעדע פשוט'ע מצוה אין די תורה איז ביי אמעריקאנער אידן באטראכט געווארן ווי א 'סאטמארע מצוה'. (יושע פריעדמאן, יואל נתן פריעדמאן, נפתלי פאלאטשעק).